UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Sintias Temple (Cynthia’s Temple)

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/7v26b63w

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)

**Author**
Apter, Shimshen (Samson)

**Publication Date**
1979

**Copyright Information**
Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

שמשון אַפּטער / ניו־יאָרק

# סינטיאַס טעמפּל

(דערציילונג)

אין ברוקוועל טעמפּל „בית צדק" איז אין דער קאָנפערענץ־צימער געווען פאַרזאַמלט אַ גרופּע פרויען אויסגעזעצט ביי לאַנגע, ווייס־געדעקטע טישן און זיך משמח געווען מיט אַ זונטיקדיקן פרישטיק. זיי האָבן זיך געגרייט צו מאַכן אַ טור־רייזע קיין ישראל. די פרויען זענען געווען אויסגעפּוצט אין העל־פרילינגדיקע קליידער מיט צירונג אויף די העלדזער, מיט הויך אָנגעלאָדענע אַנדולירטע האָר אויף די קעפּ, טייל העל־בלאָנדע מיט נאַטירלעכן קאָליר, אַנדערע צוגעפאַרבטע.

צווישן זיי אויף דער סאַמער לעצטער שטול ביים סוף טיש מיטן פּנים צום מזרח וואַנט, איז געזעסן סינטיאַ לובין. זי איז געווען אַ קליינע מיט אַ דראָבנעם טונקעלן פּנים, מיט לאַנגע ברעמען איבער אירע בליצנדיקע גרין־בלאָע אויגן. דאָס קורצע שנאַפּנדיקע נעזל האָט ביי איר געצוקט מיט ציטערנדיקע נאָז־פליגלען. איר דינער, גוט־געפורמטער קערפּער מיט שאַרף־שפּיציקע ברוסט־נאָפּלען האָבן אַרויסגעשפּאַרט פון איר דין־קליידל. זי האָט יעדע ווילע אונטערגעצאַפּלט מיט אַן אומרואיקייט, ווי דאָס קומען צו דעם פרישטיק וואָלט געווען פאַר איר אַ גרויסע איבערלעבונג.

זי האָט בכיוון זיך געהאַט אַוועקגעזעצט אויף דער לעצטער שטול, נישט אַזוי אויס באַשיידנקייט, נאָר כדי צו קענען די גאַנצע צייט זען דעם יונגן ראַביי, דר. מאָרטימער עפּסטיין. דער ראַביי איז געזעסן אויבנאָן אויף אַ געהעכערטער פּלאַטפאָרמע. לעבן אים, פון ביידע זייטן — די פּרעזידענטין, מיסעס רייטשל גאָרדאָן, און די סעקרעטאַרין, מיסעס לילי פּישער.

דעם יונגן ראַבייס תמיד בלאַסלעך פּנים איז איצט געווען צעפלאַמט, די פרישראַזירטע באַקן האָבן ביי זיינע באַק־קנאָכן פיבערדיק געגליט. ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט די אויגן פון סינטיאַ לובין און לאַנג געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט געהאַט פאַרגעסן אַז נאָך אַנדערע מענטשן געפינען זיך אַרום אים. ער האָט מיט אַמאָל דערפילט די בליקן פון די אַרומיקע פרויען אויף זיך, וואָס האָט אים דערמאָנט אַז ער איז נישט אַליין. ער האָט לייכט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, אויסגעגלייכט זיינע קאַשטאַן־ברוינלעכע האָר, וואָס האָבן פלאַך אַרונטערגעהאָנגען פון ביידע זייטן קאָפּ און אָפּגעדעקט זיין הויכן שטערן.

ער האָט געוואָלט טראַכטן וועגן זיינע אויפקלערונגען פון דעם טור, וואָס ער דאַרף מאַכן מיט זיי, ווי דער מורה־דרך פון דער גרופּע, וואָס ער דאַרף באַגלייטן אויף דער נסיעה, אָבער מיטן דערזען סינטיאַ לובין איז ביי אים אין קאָפּ אַלץ צומישט געוואָרן. איז זי געקומען צום פרישטיק, ווייל זי קלייבט זיך אויך מיטצופאָרן מיט זיי אויפן טור? זי, סינטיאַ,

---

געזען כ'האָב נעכטן אויף דער גאַס דיך,
דאָס בילד כ'וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן—
דיין מאָרדע שיכור און צופרידן
אין מיין פוטער איז געזעסן.

געזיגט אין קריג האָסט, מיין ווישניעווסקי,
דו טראַכסט שוין מער נישט וועגן מאָרגן,
ווי טראָגט עס זיך דיר, כאָם דו אייבער,
מיין פוטער וואָס האָסט לייכט דערוואָרבן?

ס'איז קלאָר—אַרויסגעבן דו מוזט מיך,
ס'איז קלאָר—איך גיב דיר נישט קיין רו מער—
עס קאָן דאָך נישט אונדזביידן וואַרמען
דאָס אייגע, וואָס איז מיינס דאָך, פוטער...

פאַרשפּילט מיט דיר כ'האָב, מיין ווישניעיווסקי,
און שטילן כ'מוז מיין כעס אַביסל—
אַזוי געשעט ווען דו לאָזט איבער
צו דיין צוקונפט... ביים סטרוזש דעם שליסל...

.. ייִדיש — משה שקליאַר

איז אַ צעשיידטע פון איר מאַן, וואָס וויל איר קיין גט נישט געבן. אַלע קוקן קרום אויף איר. גראָד פאַרקערט, אים געפעלט זי. צווישן אַלע יונגע מיידלעך, פרויען, וואָס ער האָט באַגעגנט אין זיינע בחורשע יאָרן, איז קיין איינע אַזוי אים צום האַרצן ווי סינטיאַ לובין, אָבער דאָך שרעקט ער זיך צו ווערן מיט איר נאָענט, אינטים. דאָס האַרץ, זיין גאַנץ לייב נאָגט און ציט אים מיט אַ באַגער צו איר, אָבער דאָך באַצווינגט ער זיך און האַלט זיך צוריקגעצויגן פון איר. ער ווייסט, אַז מיט זיין דערנענטערן זיך צו סינטיאַן וועט זיין אָנזען אין טעמפּל פאַלן. אויך זיינע על־טערן אין סינסינעטי, וואָס האָבן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף אים, וועלן נישט אויסהאַלטן און זיך פילן געקרענקט, וואָרעם נישט אויף דעם האָבן זיי געהאָפט, אַז זייער געלערנטער און פרומער זון זאָל האָבן צו טאָן מיט אַ פרוי פון צוויי אונטערגעוואַקסענע קינדער, וואָס וועט אפשר קריגן אַ גט.

די פרויען ביים טיש האָבן צווישן זיך גערעדט וועגן זייער הויז־באַלעבאַטישקייט, וועגן זייערע געראָטענע קינדער, וואָס זיי באַמיען זיך צו פאַרהיטן פון דער אַרומיקער אויסגעלאַסנקייט און האָבן דערביי זייטיק געקוקט אויף סינטיאַן מיט אומצופרידענע מינעס. זי איז געקומען דאָ אַהער אין טעמפּל נישט אויסגעפּוצט ווי די אַנדערע פרויען. זי האָט געטראָגן אַ דיך־באַטיסטן, גאָלדיק העמד־קליידל, קורץ אַריבער די קני, מיט אַ ווייס טיכעלע ביים ברוסט־טעשל. אירע טונקעלע האָניקברוינע האָר — פלאַך אויסגעצויגן אויף אַרונטער די אַקסל, ווי ביי אַ שול־מיידל, און אירע אויגן קוקן אויף דעם ראַביי עפּסטיין מיט אַ מאָדנער פאַרגאַפונג. ווער ווייסט וואָס עס קומט פאָר צווישן איר, אַ ניט געגטע פרוי, מיט זייער יונגן ראַביי...

גאָר באַזונדער פאַרדרוס האָט די פרעזידענטין, מיסעס רייטשל גאָרדאָן, וואָרעם פון דעם וואָס זי זעט דאָ איז זי אין גאַנצן צעטומלט און אויפגערודערט. נישט געקוקט וואָס איר מאַן, בערנאַרד גאָרדאָן, דער רייכער האָטעל־אייגנטימער, איז נישט נתפּעל פון דעם יונגן ראַביי עפּסטיין, האַלט זי גאָר שטאַרק פון אים. איר מאַן איז טאַקע אַ מבין אויף אויפצו־קיפן און אָנפירן מיט האָטעלן, צושטעלן די בעסטע שפּייזן, דאָס געשמאַקסטע עסנוואַרג, דאָס פרישסטע פלייש צו באַנקעטן, חתונות, וואָס ווערן געפּראַוועט אין זיינע האָטעלן, וואָרעם ער אַליין שטאַמט פון קצבים און ער פאַרשטייט זיך אויף דעם, אָבער זי, רייטשל, קומט פון אַן אַנדער משפּחה, סאַמע כלי־קודש: איר זיידע, ר' תנחום שוחט, איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און איר פאָטער — אַ משגיח אין אַ שעכט־הויז. זי, רייטשל, איז אַ מבין אויף דעם יונגן ראַביי. עס געפעלט איר אויך וואָס ער איז אַנדערש און מער היינטצייטיק ווי עס איז דער הויפּט עלטערער ראַביי פּאָזנער. דער אַלטער טעמפּל־ראַביי טראָגט נישט קיין קאַפּל, גייט אָנגעטאָן אין זיין טאָגע, ווי אַ גויאישער רעווערענד ביי יידישע צערעמאָניעס; ער האַלט זיינע רעדעס וועגן גויאישע זאַכן, וועגן גויאישע ביכער. אָבער ער, מאָרטימער עפּסטיין, פירט זיך יידישלעך, טראָגט אַ שיין פּיצעלע קאַפּעלע אויף זיין שיינעם קאָפּ פון וועלכן עס הענגען אַרונטער זיינע לאַנגע קאַשטאַנברוינע האָר. ער וועט אַ מאָל מיט דער צייט זיכער פאַרנעמען דאָס הויכע בכבודיקע אָרט פון ראַביי פּאָזנער. דער אַלטער געפעלט שוין נישט צו שטאַרק די נייע מיטגלידער פון טעמפּל.

זי, רייטשל גאָרדאַן, האָט געטראַכט דעם יונגן ראַביי אַריינצונעמען אין איר משפּחה, אים צו פאַרקנסן מיט זייער איינציק טעכטערל הילדאַ, וועלכע שטודירט אין אַ קונסט־שול אין באָסטאָן. זי, רייטשל האָט אים שוין עטלעכע מאָל פאַרבעטן אין איר הויז אַריין, סיי אַליין און סיי ביי אַ צונויפקום מיט די פרויען־מיטגלידער. זי האָט דאָס געטאָן אים צו דערנענטערן אין איר רייך אויסגעשטאַטער היים ביז איר טעכטערל וועט אַהיים קומען אויף פּסח. זי האָט דאָס געמאַכט זייער פאַרזיכטיק, עס זאָל ביים ראַביי נישט קומען אַ פאַרדאַכט, אַז זי איז עפּעס אויסן. אָבער ווי אויף להכעיס איז ראַביי עפּסטיין בעת דער פאַרבעטונג, ווען איר טעכטערל איז געקומען אויף יום־טוב, געווען זייער זייער גלייכגילטיק צו איר. אויסער מיט אַ העפלעכע באַגריסונג האָט ער מיט איר ווינציק גערעדט. ער האָט נאָך פיל מאָל

באַזוכן זייער שטוב, פּלוצים זיך גענומען אַנטציקן מיט דער שיינער אויסשטאַטונג, די אַנטיק־זאַכן. דער עיקר איז אים געפעלן די ירושה־זאַכן פון איר זיידן ר׳ תנחום שוחט: זיין חלף־שיידל, דאָס בשמים־ביקסל, דעם טלית מיט דער זילבערנער עטרה, וואָס זי, רייטשל, האָט אָפּגעהיט אין אַ באַזונדער שענקל מיט געשליפענע שויבן־טירן, ווי אַ סאָרט קליינער מוזיי.

איצט איז איר אַלץ קלאָר, איצט איז זי שוין זיכער, אַז זייער יונגער ראַביי האָט גאָר אין זינען סינטיאַ לובין, די צעשיידטע פרוי פון דעם לאָיער אירווינג לובין, וואָס איר מאַן פירט מיט אים געשעפטן. ער קומט צו איר אָפט אין הויז אַריין. זי ווייסט אַז ער וויל איר נישט געבן קיין גט.

רייטשל האָט אויפגעהויבן די אויגן צו סינטיאַן זי אויפסניי באַטראַכט. סינטיאַ האָט געקוקט אויף איר מיט אַ שמייכלענדיק פּנים מיט עפּעס אַ קינדישע אומשולדיקייט. וואָס זעט ער אין איר, דער נאַאיוועער יונגער ראַביי, אין דער דאָזיקער ווייבל מיט דעם דראָבנעם פּנימל, וואָס מאַכט אַן אָנשטעל פון אַ יונג־מיידלשע צנועה? אינעווייניק איז אָבער ווערעמדיק און ווי עס גייען אַרום שמועות וועגן איר — אויך פאַרדאָרבן. איר, רייטשלען, קען מען נישט אָפּנאַרן. זי איז אַ מבין אויף אַזעלכע שטיק. ווי קען ער טראַכטן וועגן אַ פרוי, וואָס האָט שוין צוויי אונטערוואַקסנדיקע קינדער פון איר צעשיידטן מאַן? דאָס עלטסטע מיידל אירס זעט דאָך שוין אויס עלטער פון דער מוטער און איר ייִנגל האַלט דאָך שוין ביים ווערן אַ בר־מצוה. וואָס טוט זיך דאָס מיט די היינטיקע יונגע מענטשן? האָט רייטשל נישט געקענט פאַרשטיין.

עס איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן אין צימער. די כלים פון פרישטיק האָט מען שוין געהאַט אָפּגערייניקט פון די טישן. דער ראַביי האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, ווו עס האָט געהאָנגען אַ מאַפּע פון ישראל, די זעלבע מאַפּע, וואָס דער ראַביי עפּסטיין האָט זיי מיט אַ צייט צוריק אָנגעוויזן און געשילדערט דעם אָנפאַל פון די אַראַבער אויף דער מדינה פון אַלע זייטן און געשילדערט דעם נצחון פון דער ישראל־אַרמיי. איצט האָט ער ווי אַ דיריגענט מיט זיין וויזפינגער געוויזן ווי זייער טור וועט זיך ציען דורכן מדבר־יהודה צום ירדן, צום ים־המלח, ווו מען האָט געפונען די עלטסטע מגילות, און שפּעטער די מסדה, און צוריק קיין ירושלים.

סינטיאַ לובין האָט שוין נישט געהערט וואָס דער ראַביי עפּסטיין האָט גערעדט. איר איז נאָר געפעלן זיינע שמייכלענדיקע בלאָע אויגן אויף זיך, ווי ער וואָלט נאָר זי געזען, נאָר צו איר גערעדט. ער וויל זי זאָל מיטפאָרן אויף דעם טור. בעת דער נסיעה וועלן זיי האָבן מער מעגלעכקייטן זיך נענטער צו באַגעגענען, זיך אָפּזונדערן פון אַלעמען — דאָס וואָס עס איז אים שווער צו טאָן דאָ אין ברוקוועל.

אַ הילכיק געפּאַטשעריי פון די פרויען ביי די טישן האָט איבערגעריסן איר טראַכטן. אויך זי, סינטיאַ, האָט אין איילעניש אויפגעהויבן די הענט צו אַפּלאָדירן. עס איז שוין געווען אַ ביסל צו שפּעט. זי האָט באַמערקט, אַז אויף די פּנימער פון טייל פרויען האָבן זיך געזען אָפּלאַכערישע שמייכלעך, ווי זיי וואָלטן באַמערקט איר צעטומלעניש.

די פרויען האָבן זיך אויפגעשטעלט און זיך געלאָזט צו דער אַרויסגאַנג־טיר. סינטיאַ איז געבליבן ווי שטייף פאַרגליווערט און פאַרשעמט. זי האָט מיט אַמאָל באַמערקט ווי מיסעס גאָרדאָן און דער יונגער ראַביי דערנענטערן זיך צו איר זייט. זיי זענען געווען פאַרטאָן אין אַ געשפּרעך, גערעדט האָט מיסעס גאָרדאָן און דער יונגער ראַביי האָט מיט אַ צוגעבויגענעם קאָפּ זיך איינגעהערט. סינטיאַ האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און זיך געלאָזט האַסטיק שפּאַנען צו דער טיר. זי האָט צוליבן געדרענג ביים אַרויסגאַנג זיך ווידער אָפּגעשטעלט און געקוקט הינטערוויילעכץ. זי האָט אויפסניי באַמערקט זיינע שמייכלענדיקע אויגן אויף זיך.

ראַביי עפּסטיין האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר: — אַ, מרס. לובין, איר האָט זיך געזעצט אַזוי ווייט ביים ברעג טיש, מען האָט אייך קוים באַמערקט.

סינטיאַ איז געוואָרן צעטומלט.

— אַנטשולדיקט מיר. איך בין געקומען אַ ביסל צו שפּעט — האָט זי געזאָגט מיט אַ שטיל פאַרקלעמט קול.

— זי איז געקומען אין צייט. כאָטש איין גאָט ווייסט ווי שווער עס איז זיך אַרויסצורייסן פון שטוב מיט אונטערוואַקסנדיקע קינדער. עס איז אַ סך שווערער ווי מיט פּיצלעך קינדער. יאָ, איך האָב געזען דיין טעכטערל אין דער זונטיק־שול. זי איז שוין קיין בייז אויג זאָל נישט שאַטן, ווי מיין גאָטזעליקע מאַמע פלעגט זאָגן, טאַקע גרויס ווי אַ כלה־מיידל. זי איז אין גאַנצן געראָטן אין איר פאָטער, אירווינג לובין.

סינטיאָס טונקל פּנים איז געוואָרן בלייך און אויסגעלאָשן. שטעכיקע שפּיזלעך האָבן ווי אַריינגעשטאָכן אין איר קאָפּ פון רייטשלס רייד. אויך דער ראַביי האָט ווי פאַרשעמט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. די ברעמען מיט די לאַנגע ווייסע האָבן ביי אים אונטערגעצאַפּלט:

איך האָף, אַז נאָך מיינע אויפקלערונגען וועט איר געוויס מיטפאָרן אויף אונדזער טור אין דער מדינה. מיר וועלן אויך באַזוכן רוים, ווענעציע — האָט ער געזאָגט מיט אַ געמאַכטער פרייליכער שטים.

דאַכט זיך אַז זי האָט גאָר אַ בר־מצוה אין דער זעלבער צייט, אַ יאָ, סינטיאַ? ווי קענען מיר דערוואַרטן זי זאָל מיט אונדז מיטפאָרן אין אַזאַ צייט ווען מען דערלעבט שוין אויפצוהאָדעווען אַ בר־מצוה־יינגל — האָט מיסעס גאָרדאָן געזאָגט און געקוקט אויף סינטיאָן מיט איר תמיד שמייכלענדיק פּנים, וואָס זי האָט אַלע מאָל אַנטקעגן געטראָגן צו יעדן מיט אַן איבערגעטריבענער פריינדלעכקייט.

סינטיאַ האָט זיך אומרואיק אַ טרייסל געטאָן. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ פאַרדרוס צו מיסעס גאָרדאָן. זי האָט געוואָלט איר זאָגן, אַז זי, רייטשל, מישט זיך שוין אַ ביסל צופיל אין איר פּריוואַט לעבן. זי האָט זיך אָבער איינגעצוימט:

— איך וועל פאָרן, איך קען פאָרן. דער טור קומט פאָר אַ טאָג נאָך דער בר־מצוה, — האָט זי געזאָגט מיט אַ קאַלטער רואיקייט.

— אַזוי גאָר? זאָל זיין מיט מזל. האָבן מיר דאָך זיך גאָרנישט וואָס צו זאָרגן — האָט רייטשל געזאָגט מיט אַ סאַרקאַסטישער שטים און דערביי געקוקט אויפן ראַביי צי ער האָט באַנומען וואָס זי האָט דאָ געמיינט. ראַביי עפּשטיין האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַוועקגעדרייט אין אַ זייט, ווי עס וואָלט אים נישט ניחה געווען זיך צוצוהערן צו דעם געשפּרעך. ער האָט איילנדיק און העפלעך אַ בייג געטאָן דעם קאָפּ צו סינטיאָן און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

מיסעס גאָרדאָן האָט זיך אַ מבולבלדיקע אויסגעדרייט און זיך אַרומגעקוקט ווי זי וואָלט נישט געקענט באַנעמען פאַרוואָס דער ראַביי איז אַזוי פּלוצים פאַרשוווּנדן.

— זונטאָג איז דער ראַביי זייער פאַרנומען: בר־מצוות און אַנדערע טעמפּל־פונקציעס — האָט מיסעס גאָרדאָן געזאָגט מיט אַ געמאַכט שמייכעלע אויפן פּנים, צו ווייזן אַז זיין איילנדיק אַוועקגיין איז נישט געווען צוליב איר, צוליב עפּעס אַן אויסדריק וואָס האָט אים אויפגערעגט.

סינטיאַ האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרנעפּלטע אויגן, מיט אַ טויב גלייכגילטיק פּנים, ווי זי וואָלט גאָרנישט געהערט וואָס מען רעדט צו איר.

אויב דו ווילסט, סינטיאַ, קענען מיר דיך צופירן אַהיים. מיין מאַן שטייט אין דרויסן מיט זיין קאַדילאַק־מאַשין — האָט רייטשל געזאָגט ווי צו פאַרגיטיקן איר, אויב סינטיאַ מיינט אַז זי האָט איר אָנגעטראָטן אויפן פוס.

— אַ, אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק. אין אַזאַ שיינעם טאָג האָב איך ליב צו מאַכן אַ לאַנגן שפּאַציר.

— אַ דו ווילסט האַלטן דיין פיגור דין. נו, פאַר מיר איז דאָס שוין צו שפּעט — האָט מיסעס גאָרדאָן געזאָגט מיט אַ טרויעריקע מינע אויפן פּנים. זי האָט אַ שאָקל געטאָן צו איר מיט דער האַנט און מיט שווערע טריט זיך געלאָזט גיין צו דער לאָבי, ווו עטלעכע פרויען האָבן געוואַרט אויף איר.

סינטיאַ האָט צוגעוואַרט ביז אַלע פרויען וועלן אַרויס פון דער לאָבי. זי האָט זיך צוגעהערט צו זייער הויך און פריילעך געלעכטער וואָס איז דאָ אַהער דערגאַנגען מיט אַ ווידערקול — אפשר לאַכט מען עס גאָר פון איר... זי האָט מער נישט געוואָלט

זיך ווידער אָנטרעפן מיט זיי. זי איז געגאַנגען פאַמעלעך. עס איז נאָך אַלץ געווען ביי איר די האָפענונג, אַז אפשר וועט ער, ראַביי עפסטיין, זיך פון ערגעץ באַווייזן פאַר איר און געבן אַ צייכן, אַן אָנווונק ווו זיך צו טרעפן. די שטאָט איז אַזוי גרויס, עס איז אַלע מאָל דאָ ווו צו געפינען אַ באַהעלטעניש, זיך צו באַגעגענען פון דער נאָענט, ווו זי וועט קענען ווייזן ווי שטאַרק זי באַגערט אים. אויב עס איז דאָ אַ מניעה, וואָס זי איז נאָך נישט צעשיידט פון איר מאַן, וועט זי איינלייגן וועלטן זיך מיט אים צוגיין. און דעמאָלסט, אָ דעמאָלסט וועט שוין נישט זיין קיין שום אָפהאַלט צו ווערן מיט אים אינטים נאָענט מיט לייב און לעבן...

ביים אַרויסגיין פון דער לאַבי דורך די גלעזערנע דריי־טירן האָט סינטיאַ זיך אימפעטיק פאַרהאַלטן און זיך געוואָלט צוריקציען צוריק אַריין אין דער לאַבי, נאָר עס איז שוין געווען צו שפעט.

אונטן אויפן טראָטואַר, קעגן איבער די לאַנגע שטיינערנע טרעפ, איז געשטאַנען מיסטער גאָרדאָן, רייטשלס מאַן, און לעבן אים איר צעשיידטער מאַן אירווינג לובין. ביידע האָבן אַרויפגעקוקט צו איר ווי זיי וואָלטן געוואַרט ביז זי, סינטיאַ, וועט אַרויסקומען פון טעמפל. גאָרדאָנס ברייט גוידערדיק פנים מיט דער פעטלעכער שוויצנדיקער נאָז איז געווען ברוין אָפגעברענט פון דער זון. ער האָט געהאַלטן אַ לאַנגן האַוואַנאַ־ציגאַר אין ווינקל פון מויל. אַ רויטלעכער גלי, ווי אַן אויסגייענדיקער פונק, האָט אַרויסגעפינקלט פון גראָען אַש. איר מאַן אירווינג איז געווען אויסגעפוצט אין אַ געקעסטלט העל רעקל מיט אַ לויזן קאָלנער פון זיין העל־ברוין ספאָרט־העמד מיט אַ קאָלירט רויט שאַליקל, אַנשטאָט אַ שניפס. ער האָט אויך געהאַלטן אַ דיקן ציגאַר און גענאָגט נערוועז מיט זיינע דיקלעכע ליפן.

ביי דער זייט פון קאַדילאַק זענען געשטאַנען עטלעכע פרויען אַרום מיסעס גאָרדאָן. זיי האָבן אַלע גענומען אַרויפקוקן צו איר, ווי זיי וואָלטן געווען בייגעריק צו זען צי זי, סינטיאַ, וועט אויסמיידן אָדער ווי קיינמאָל גאָרנישט וואָלט געשען, באַגעגענען איר מאַן.

סינטיאַ איז אַרונטער פאַמעלעך מיט אַ קאַלטער, איינגעצוימטער רואיקייט פון די שטיינערנע טרעפ. זי האָט אפילו באַוויזן אַ שמייכל צו טאָן צו די בייגעריקע פרויען. זי האָט זיך גענומען פאַרקערעווען אָן אַ זייט ווי אַלעמען אויסצומיידן, נאָר איר מאַן אירווינג האָט זיך ראַפטום אָפגעריסן פון אָרט און גענומען איר גיין אַנטקעגן.

— סינטיאַ, איך בין דיך געקומען זען. איך האָב מיט דיר עפעס צו רעדן. פאַרגעס נישט איך בין נאָך אַלץ דיין מאַן— האָט ער געזאָגט און אַ קרימלעך שמייכעלע האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיינע דיקלעכע ליפן.

אירווינג, הער אויף מיט דיינע ביליקע שטיק. אויב דו האָסט מיר עפעס צו זאָגן דאַרפסטו מיר פריער דאָס לאָזן וויסן דורך אַ לאָיער און נישט מיר נאָכשפירן ווו איך קער און ווענד זיך— האָט סינטיאַ געזאָגט האַסטיק מיט פאַרדרוס.

— איך בין מיין אייגענער אַדוואָקאַט, איך בין דיר געקומען לאָזן וויסן, אַז איך דערלויב דיר נישט צו פאָרן נאָכאַנאַנד אויף טורס. דו פאַרשטייסט, ווען נישט וועל איך פון דיר צונעמען די קינדער— האָט ער געזאָגט און אַ שוים האָט זיך באַוויזן ביי זיינע פעטלעכע מויל־ווינקלען. זיינע גרין־קעצישע אויגן זענען געוואָרן שפיזיק שאַרף מיט אַ צאָרן ווי זי צו פאַרצוקן.

זי האָט געקוקט אויף אים מיט פאַרזשמורעטע אויגן. זי האָט געוואָלט זאָגן: אוי, פאַרוואָס האָב איך דיך אַזוי פיינט, אַזוי טויטלעך פיינט. נאָר געזאָגט האָט זי רואיק מיט אַ קאַלט שמייכעלע אויפן פנים.

— די קינדער? דעם זון האָסטו שוין סייווי צוגענומען. ער פאַרברענגט מער מיט דיר ווי מיט מיר. דו וועסט אים דערציען, ער זאָל זיין אַזאַ גראָבער נפש ווי דו ביסט. מיין טאַטע דאַרף צאָלן פאַר אים אין דער נאָכמיטאָג־שול אים צו לערנען אַ ביסל יידישקייט און דו ליידיקסט דאָס אויס פון אים און לאָזט אים הפקר — האָט סינטיאַ געזאָגט און אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ טרערנדיקע פייכטקייט.

— הער אויף צו קוועטשן מיט די אויגן. דיינע טרערן, דיין פרומקייט האָט ביי מיר די ווערט אַ זעץ אין דער ערד.

סינטיאַ האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און מער נישט געוואָלט הערן וואָס איר מאַן אוירוויינג רעדט.

— דו ביסט דאָך ערשט געווען פּאַראַיאָרן ביי דיין ברודער אין זיין קיבוץ אין נגב דאָרטן. צוואָס ווייטער פאָרן און לאָזן די קינדער ביי דיין קראַנקער מאַמען — האָט אוירווינג צענומען די הענט.

— אפשר וועל איך זיך דאָרט באַזעצן; אַז מיין ברודער קען, וועל איך אויכעט קענען — האָט סינטיאַ געזאָגט.

— מאַך מיך ניש צו לאַכן. דאָרטן דאַרף מען אַרבעטן, האָרעווען, און דו האָסט אין דיין לעבן נישט איינגעטונקען די האַנט אין אומריינעם וואַסער. ביי דיין טאַטן ביסטו געווען אַן איינציק טעכטערל און ביי מיר, איינציק...

— איינציק? וואָס ווייסטו פון איינציקייט? דו האָסט מער אויסגעגעבן אויף דיינע אויסגעלאַסענע מיידן, וואָס דו און דיינע קאָלעגן לאָיערס („לייערס") ליג-נערס) אויף אייערע זונטיק-רייזעס אויף יאַכט-שיפלעך ווי דו האָסט געבראַכט אין הויז אַריין. צוליב דיין קאַרגשאַפט האָב איך געמוזט גיין זיך צו דערלערנען צו קריגן אַ שטעלע.

— דערווייל ביסטו פאַרקראָכן מיט דיין קאָלעדזש-פּראָפעסאָרל אין זיין שלאָפזאַק אַריין, אָדער מיט אים ערגעץ אין אַ מאָטעל. איך ווייס אַלץ, מיינע אויגן זיינען נאָך נישט בלינד געוואָרן.

— פאַרוואָס גיסטו מיר נישט קיין גט, זיך צו באַפרייען פון אַן „אויסגעלאַסענע" — האָט סינטיאַ געזאָגט מיט אַ סאַרקאַסטישע שטים.

— איך וויל דיר נישט אָנטאָן דעם פאַרגעניגן, דו זאָלסט זיין ווי אַ פרייער פויגל — האָט אוירווינג געזאָגט און אין זיין האַלדז האָט זיך געכאָרכלט אַ בייז און שטעכיק געלעכטערל.

— אַ פרייער פויגל? מיט דיר און אָן דיר בין איך סיי ווי פריי. איך וועל דיך אָבער צווינגען דו זאָלסט זיך אָפּטשעפּען פון מיר און נישט געבן קיין באַפעלן, וואָס יאָ און וואָס נישט צו טאָן — האָט סינטיאַ געזאָגט און געמאַכט אַ טריט נידריקער פון די טרעפּ צום טראָטואַר.

— איך בין נאָך אַלץ דיין מאַן און בין דיך געקומען וואָרענען נישט אַזוי צוליב דיר, נאָר צוליב אים, דעם נאַיוון ראַביי עפּסטיין, ער זאָל נישט פאַרקריכן אין אַן אומגליק, ער זאָל פאַרלירן זיין שטעלע, זיין גוטן אָנזען אין טעמפּל און דערפאַר דערלויב איך דיר נישט מיטצופאָרן אויפן טור — האָט אוירווינג שטרענג געזאָגט.

סינטיאַ האָט שווער אָפּגעדעכעט און מיט שלאַבערדיקע טריט אַרונטער פון די טרעפּ צום טראָטואַר. זי האָט זיך נישט אומגעקוקט, נאָר געגאַנגען פאַמעלעך און דערדריקט. זי האָט געוווּסט אַז זיין פלוצימדיק קומען דאָ אַהער צום טעמפּל איר צו וואָרענען קומט ניט בלויז פון אים אַליין, נאָר דאָס האָט שוין פריער צוגעגרייט די משפחה גאָרדאָן מיט וועלכער איר מאַן האָט געשעפטלעכע פאַרבינדונגען. זיי ווילן צעשטערן איר שענסטן חלום, איר ליבשאַפט צום ראַביי, מאָרטימער עפּסטיין.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ-סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

337½ North Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048
Phone: 655-1292
פאַרוואַלטונג „חשבון"